# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

קול אמונים 03-913-9191

## פרשת קדושים


בנתיבות אמונים | אמן און דאוונען אין די פרשה

# אהבת ישראל העלפט אז די תפילה זאל ווערן אנגענומען

## ואהבת לרעך כמון

**א**ין אונזער פרשה לערנען מיר אויף א ספעציעלע מצוה, די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך', וואס רבי עקיבא האט איר אנגערופן (ירושלמי נדרים ט ד) "כלל גדול בתורה", און נישט אומזינסט, די מצוה איז א יסוד און א שורש צו אסאך מצוות פון די תורה, אזוי ווי עס שטייט אין **'ספר החינוך'** (רמג) אז אסאך פון די מצוות פון די תורה זענען אנגעהאנגען אין איר, ווייל ווער עס האט ליב זיין חבר, וועט נישט גנב'ענען פון אים, אדער אים פאפן מיט געלט, אדער טשעפענען מיט ווערטער, אוועק נעמען זיין פרנסה אדער אים שעדיגן, און אויסער די מצוות, איז נאך דא עטליכע מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין די מצוה.

**א**יינס פון די וועגן וויאזוי די מצוה ווערט שטארק ארויסגעברענגט איז מיטן באפעל פונעם **אר"י הקדוש** (שער הכוונות ברכות השחר) אז יעדער איד דארף זיך אונטער נעמען יעדן טאג פארן דאווענען די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך', און ליב צו האבן יעדן איד אזוי ווי זיך, אזוי וועט זיין תפילה אריינגערעכנט ווערן צווישן די תפילות פון אלע אידן, און ס'וועט קענען ארויפגיין אויבן און אויפטוהן וואס עס דארף אויפצוטוהן.

**ד**י ווערטער פונעם אר"י זענען גע'פסק'נט להלכה אין 'מגן אברהם' (אנהויב סימן מו), און אין 'קיצור שולחן ערוך' (יב ב) וואס לייגט אויך צו א טעם צו דעם, אויב איז דא חלילה א צווישנשייד אין די הערצער פון די אידן אונטן, איז אויבן אויך דא א צווישנשייד, אבער אויב די אידן נעמען זיך צוזאמען אונטן, ווערן אויך זייערע נשמות אויבן פאראייניגט, און דורך דעם זענען זייערע תפילות אויך אינאיינעם, און אזוי זענען זיי מער באוויליגט פאר השי"ת.

**א**ין אמת'ן, די ווערטער איז שוין ארויס געשריבן אין די לשון פון מדרש ('משנת רבי אליעזר פ"ד): "פון וואו ווייסט מען אז א תפילה פון א ציבור ווערט נישט אנגענומען, נאר אויב ס'איז דא צווישן זיי שלום, ווייל עס שטייט (ירמיהו לג ו): "וגליתי להם עתרת שלום ואמת". 'עתרת' דאס איז תפילה, ווייל עס שטייט "ויעתר יצחק לה'", אין די צייט וואס אין די 'עתרת' איז דא שלום, איז זי אמת, און אויב נישט, איז זי נישט אמת.

**ט**אקע, מיט דעם ווערט ארויסגעברענגט דאס ספעציעלקייט פון די אידן אנטקעגן די גוים, ווייל ביי די גוים איז אנגעהאנגען זייער הצלחה ביי א קריג, נאר אין די צאל פון די סאלדאטן, וואס פאר יעדן איינעם פון זיי איז דא א עקסטערע ציל און א אנדערע וועג וויאזוי צו טוהן אז מ'זאל זיגן ביים קריג, אבער ביי כלל ישראל, איז אנגעהאנגען די הצלחה פונעם דאווענען נאר דורך דעם וואס אלע נעמען זיך צוזאמען אויף איין ציל און איין וועג. (בית הלוי בראשית לז א).

## מדה כנגד מדה

**א**ינעם לשון פון **רבי ר' יהונתן אייבשיץ** (יערות דבש ח"ב דרוש ה) טרעפן מיר אויך די ווערטער, און זיי זענען מער קלאר ארויסגעזאגט: "א מענטש דארף אריינטראכטן אין זיין הארץ ווען ער גייט דאווענען, אז ער דארף מוחל זיין פאר אלע וואס האבן אים שלעכטס געטוהן; און ער זאל נישט גיין מיט קיינעם לויט די שורת דין, נאר ער זאל זיך פירן לפנים משורת הדין מיט חסד און גערעכטיקייט; און עס דארף אינגאנצן נישט דערמאנט ווערן אז מ'דארף אפטוהן פון די הארץ שנאה און קנאה און תאוה און כבוד וואס איז נישט גערעכט. ווייל דאס איז פשוט, ווי אזוי וועט א מענטש קומען פאר א קעניג מיט א קלייד וואס איז פארשמירט מיט שמוץ - און ס'איז נישטא קיין שמוץ מיט אזא שלעכטן גערוך ווי די נידעריגע מידות; אויך פאר א שונא וואס האט אים שלעכטס געטוהן און אים גערויבט א.ד.ג. - דאס אלעס זאל ער אפטוהן פון זיין הארץ!".

**ל**ייגט צו דער **רבי ר' יהונתן**: ביים אויבערשטן ווערט אלעס גערעכנט 'מידה כנגד מדה', און ממילא אויב א מענטש איז אויפגערעגט אויף זיין חבר, און קריגט זיך מיט אים, און פירט זיך נישט צו אים לפנים משורת הדין, אזוי וועט דער אויבישטער חלילה נישט זיך פירן מיט אים לפנים משורת הדין. און ספעציעל ביים דאווענען, וואס דעמאלטס דארף א מענטש צוקומען צו מדת הרחמים, איז זיכער אז ער דארף זיך שטארקן אין די מדה פון אהבת חברים.

**א** וואונדערליכער רמז צו דעם איז געברענגט אין **פרדס יוסף** (פר' קדושים), לויט דעם פסוק (בראשית לז כו): "מה בצע כי נהרוג את אחינו", 'בצ"ע' - איז ראשי תיבות, ב'וקר צ'הרים ע'רב, וואס זיי זענען די צייטן וואס מ'דאוונט, און לויט דעם קען מען טייטשן די פסוק בדרך צחות: "מה בצע" וואספארא ניצן וועט האבן אונזער דאווענען, "כי נהרוג את אחינו" - אויב מיר וועלן הרג'ענען אונזער ברודערשאפט, און וועלן זיך נישט ליב האבן איינעם דעם אנדערן?!

**נ**אך א רמז צו דעם ברענגט דער **'חסד לאברהם' פון ראדאמסק** פון די פסוק (ויקרא ט ה): "ויקרבו כל העדה ויעמדו לפני ה'", די כוונה קען זיין,

ענטפערן אמן מיט כוונה, איז איינס פון די זאכן וואס ברענגען צו א מענטש צו זיין אין די מדריגה פון א 'קדוש' , ווייל אויף די פסוק אין אונזער פרשה (יא מד) "והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני ה' אלקיכם", דרש'ענען חז"ל (ברכות נג ב): "אני ד' אלקיכם - דאס מיינט מען א ברכה", ד.מ. אז דורך א ברכה ווערט א מענטש א קדוש. און אויב דאס איז געזאגט געווארן אויף דער וואס זאגט די ברכה, איז זיכער אז דאס איז אויך געזאגט געווארן אויף דער וואס ענטפערט אמן, וואס אויף אים זאגן חז"ל (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך". (ספר הצוואה לבעל 'סמיכת חכמים')

לויט די גמרא (ברכות כו ב) וואס זאגט "אין עמידה אלא תפילה", קען מען אזוי טייטשן, אז ווען אידן האבן זיך געוואלט צוגרייטן צום דאווענען, איז צום ערשט האבן זיי געזעהן אז צווישן זיי זאל זיין א נאנטקייט און א ליבשאפט, און נאכדעם זענען זיי צוגעגאנגען צום דאווענען אזוי ווי עס דארף צו זיין (חסד לאברהם שמיני).

**ד**ער צדיק **רבי יצחק מנחם פון אלכסנדר** הי"ד ('עקידת יצחק' פר' בלק) ברענגט אויף דעם די ווערטער פונעם זוהר הקדוש (בשלח מד ב), אז אין די צייט וואס עס הערשט דין אויף די וועלט, זאל א מענטש זיך נישט אפשיידן פונעם ציבור, וויבאלד די רחמנות פון השי"ת איז אויף אלע אידן אינאיינעם, און אזוי טייטש ער די פסוק (במדבר כג יג) "אפס קצהו תראה וכלו לא תראה": די קללה קען געוועלטיגן נאר אויף "קצהו" ביי יעדן איינציגער פון כלל ישראל פאר זיך, אבער "וכלו לא תראה" ווען כלל ישראל זענען אינאיינעם, קען די קללה נישט געוועלטיגן אויף זיי.

## א מענטשליכע טארעם

**א**ין ספר **'אור החכמה'** (בהעלותך) ווערט דערציילט אויפן **'בעל שם טוב'** זי"ע, ווען ער האט אמאל געדאוונט א לאנגע צייט, און עטליכע פון די מנין האבן נישט געהאט קיין געדולד צו ווארטן אזויפיל צייט, האבן זיי באשלאסן אז זיי וועלן ארויס גיין צו זייערע געברויכן, און גלייך נאכדעם וועלן זיי צוריק קומען, ווען ער וועט פארענדיגן דאס שמונה עשרה, כדי צו משלים זיין די מנין און צו ענטפערן קדיש און קדושה.

**ו**ען זיי זענען צוריק געקומען, האבן זיי באמערקט אז דער בעל שם טוב ווארט שוין אויף זיי, אבער אנשטאט ער זאל גלייך אנהויבן די הויכע שמונה עשרה, האט ער פאר זיי דערציילט: אין איינע פון די ווארעמע לענדער, וואו אהין קומען צו פליעהן די פויגלעך אום ווינטער, איז פלוצלינג אנגעקומען גאר א שיינע פויגל, וואס אזאנס האט מען נאך קיינמאל פון פריער נישט געזעהן. אלע האבן עס געגלוסט, און געוואלט כאפן, אבער ווייל ער איז געשטאנען אויף א הויכע בוים, האבן זיי אים נישט געקענט כאפן. ביז דער קעניג איז געוואר געווארן פון דעם, האט ער גלייך באפוילן מ'זאל צוזאמנעמען עטליכע מענטשן, און יעדער זאל זיך ארויף שטעלן אויף דעם אקסל פונעם אנדערן, אזוי וועט דער פון אויבן קענען כאפן דאס פויגל, און עס ברענגען פארן קעניג.

**ג**עזאגט און געטוהן, זייער שנעל איז די טארעם געווארן אויפגעשטעלט, און עס האט שוין אויסגעזעהן אז די גלוסטיגע פויגל ווערט געכאפט. נאר ווען עס האט זיך נאר וואס געדארפט פארענדיגן דאס אויפשטעלן די 'מענטשליכע טארעם', האט פלוצלינג באשלאסן 'דער אונטערשטער שטאק' זיך צו גיין... פארשטייט זיך, אז אין יענע מינוט זענען די אויבערשטע אראפ געפאלן און געווארן צוקלאפט, און עס איז געווארן א געשפעט און א געלעכטער, ווייל די הויפט ווילן פונעם קעניג איז געווען אז אלע זאלן זיין באהאפטן און צוגעבינדן, וואס נאר אזוי קען מען אנקומען צום גלוסטיגן ציל.

**א**ויך ענק, האט דער בעש"ט געענדיגט, מיט דעם וואס ענק זענען ארויס פון שול, און מיר איבערגעלאזט אליין אין שול, האבן ענק צוגעברענגט א גרויסע צווישנשייד אין די עולמות העליונים. ווייל א גאנצע צייט וואס ענק זענען געווען באהאפטן מיט מיר ביים דאווענען, האט עס געקענט אויפטוהן, ווייל די שפע קומט פון אויבן אויף אזא וועג אז יעדער איז א רינג אינעם קייט וואס בינדט אונז כלל ישראל צו השי"ת. אבער ווען ענק האבן מיך איבערגעלאזט, און ענק זענען זיך געגאנגען וועגן ענקערע אייגענע געברויכן, האבן ענק געוויזן אז עס איז נישטא צווישן אונז א ריכטיגע ליבשאפט, און אויב אזוי, אויך וואס איך האב געוואלט דערגרייכן, איז אוועק געפלויגן פון מיר.

**א**ון מיר וועלן דא פארצייכענען די ווערטער פונעם 'ספר חסידים' (תרנג): ווען מיר זעהן אז איינער האט געדאוונט און ער איז געהאלפן געווארן און זיין חבר האט אויך געדאוונט און איז נישט געהאלפן געווארן, איז עס נאר ווייל דער אנדערער האט נישט געפילט קיין מיטלייד מיט זיין חבר ווען ער האט געדאוונט, און ווער ס'איז זיך נישט מצער מיט א צער פון א צווייטן קען נישט זיין אז ער זאל ווערן געענטפערט, וועגן דעם האבן די חכמים איינגעפירט אלע תפילות בלשון רבים, און אויב א מענטש איז נישט געווארנט אין דעם, קען מען זאגן אויף אים די ווערטער פונעם 'חכם מכל אדם' (קהלת ג יט): "ומותר האדם מן הבהמה אין", וויל אויך א בהמה פילט נישט די צער פון א אנדערע בהמה...

## אמן אויף א 'מי שברך'

**ד**י מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך' איז נישט נאר ביים דאווענען, נאר אויך אויף ביים ענטפערן אמן, אזוי ווי די פוסקים שרייבן אז יעדער וואס הערט ווי איינער דאוונט אויף זיין חבר אדער ער בענטש אים, אפילו אן צו דערמאנען די נאמען פון השי"ת, דארף ער ענטפערן אמן אויף דעם,


ובאשר תקום מן הספר תחפש באשר למדת אם יש בו דבר שתוכל לקיימו (אגרת הרמב"ן)

לא המדרש עיקר אלא המעשה (אבות א יז) נאה דורש ונאה מקיים (חגיגה יד ב)

וועגן דעם איז זייער ריכטיג די מנהג אז נאכן זאגן די 'מי שברך' פאר דעם וואס האט עולה געווען צום תורה, אדער נאכן זאגן די 'הרחמן', זאל דער גאנצער ציבור ענטפערן 'אמן', און מיט דעם וועלן זיי מקיים זיין די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך' ('ערוך השולחן' או"ח רטו א; משנה ברורה שם ס"ק ט ע"פ דברי המדרש)

## אמן אין די פרשה פון די וואך

**ע**נטפערן אמן מיט כוונה, איז איינס פון די זאכן וואס ברענגען צו א מענטש צו זיין אין די מדריגה פון א 'קדוש', ווייל אויף די פסוק אין אונזער פרשה (יא מד) "והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני ה' אלקיכם", דרש'ענען חז"ל (ברכות נג ב): "אני ד' אלקיכם - דאס מיינט מען א ברכה", ד.מ. אז דורך א ברכה ווערט א מענטש א קדוש. און אויב דאס איז געזאגט געווארן אויף דער וואס זאגט די ברכה, איז זיכער אז דאס איז אויך געזאגט געווארן אויף דער וואס ענטפערט אמן, וואס אויף אים זאגן חז"ל (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך". (ספר הצוואה לבעל 'סמיכת חכמים')

# מעשה אמונים

## וועכנטליכע ערציילונג אויף די פרשה פון די וואך

# די רפואה וואס האט נישט געהאלפן צום צווייטן מאל

ר' פישל האט שוין נישט געקענט טראגן אויף זיך די לאסט, זיין הארץ האט געהאלטן ביים צובראכן ווערן און ער האט באשלאסן זיך צו בייגן. אן קיין צאל פון ווארענונגען איז אים ארויף געקומען אויפן געדאנק, זיין אינערליכע געפיהל האט אין אים געשלאגן אן רחמנות, אבער ער האט באשלאסן זיך צו פארהוילן פון אלעם, און אויסזאגן דעם סוד.

מיר וועלן צוריק גיין מיט ענקער רשות צו די פאסירונג וואס האט פאסירט מיט צוואנציג יאר צוריק, צום קליינעם שטעטל "ראדין" וואס איר נאמען איז פארשפרייט געווארן אין די גאנצע אידישע וועלט. אין א קליינע באשיידענע הויז וואס איז געווען אין צענטער פון שטאט, האט געוואוינט דער באקאנטער **צדיק רבי ישראל מאיר הכהן** און האט פארשפרייט זיינע באקאנטע ספרים אויף די גארער וועלט.

די טיר פון שטוב האט נישט גערוהט אויף איר ריגל איין מינוט. תלמידים פון ישיבה, יונגע מענטשן און אויך 'בעלי בתים' זענען ארויס און אריין אן קיין אויפהער. אט קומט אריין א יונגער תלמיד חכם מיט ברענעדיגע אויגן, וואס ווילן געפונען דא א ענטפער אויף א קושיא וואס מוטשעט אים שוין צוויי טעג, נאך אים, א יונג בחור'ל וואס וויל נאר צוריק כאפן זיין גייסט מיט א גלעזל טייה, און אויף דעם אפגעריבענעם באנק, מיט א פארזארגטע פנים זיצט א 'בעל בית' וואס איז געקומען אהער נאך א לאנגע רייזע ער זאל באקומען א ברכה פונעם צדיק פאר זיין קראנקע טאכטער.

די איינגעצויגענע פנים פון פישל איז ווי איינגעשלינגען געווארן צווישן די פילע וואס האבן געווארט, אין באהעלטעניש פון הארץ האט ער געפילט עפעס א גרויסקייט, ער האט זוכה געווען צו זיצן ביי די ישיבה פונעם חפץ חיים עטליכע יאר, וואס אין זיי האט ער זוכה געווען צו שמועסן מיט זיין רבי'ן ביי נישט ווייניג געלעגנהייטן. ווען איך וואלט זוכה געווען, האט ער געטראכט פאר זיך מיט א ביטערקייט, וואלט איך דאס מאל אויך געווארט אריינצוגיין צו מיין רבי און פאר אים פארשטעלן א חידוש וואס איז מיר ארויף געקומען אויפן געדאנק, אדער א שווערע קושיא אויפן לעצטן שיעור. נאר דאס ווירקליכקייט האט אים געקלאפט אין פנים אן רחמנות, יעצט איז ער אזוי ווי אלע וואס זיצן דא, האט ער געטראכט פאר זיך מיט א טרויער...

אין זיינע אויערן דונער'ן נאך די ווערטער פונעם גרויסער דאקטער וואס וואוינט אין דעם ווייטן ווילנע, וואס אהין איז ער געפארן ספעציעל נאך ווען ער האט געשפירט א לאנגע צייט שטארקע ווייטאגן. "דו ביזסט קראנק מיט א געפערליכע קרענק" האט דער דאקטער געזאגט פאר אים מיט א קאלטקייט, ווי ער וואלט אים דערציילט נאר עפעס א קלייניקייט... "צו מיין צער האב איך נישט קיין וועג און א היילונג'ס מיטל וויאזוי דו זאלסט זיך קענען שטארקן אויף דעם קראנקייט" - האבן די ווערטער געקלאפט אין אים נאכאמאל און נאכאמאל.

יעצט דארף ער באקומען א ברכה פונעם הייליגן ראש ישיבה, דאס איז די לעצטע וועג צו א ישועה, האט ער געוואוסט, און ער האט צוגעווארט מיט געדולד.

ווען עס איז אנגעקומען זיין רייע אריינצוגיין, איז ער אריין מיט א ציטער און א פארכט, און האט גלייך אויסגעבראכן מיט א ביטערן געוויין. די דערבארעמדיגע אויגן פונעם סבא קדישא האבן געקוקט אויף אים מיט א שווייגעניש, ביז ער האט אפגעהאקט זיין געוויין. "וואס ווילסטו מיין קינד" האט זיך דער חפץ חיים געוואנדן צו אים מיט הארציקייט, האט ער אנגעהויבן צו דערציילן אלעס וואס איז אריבער אויף אים פון ווען ער האט אנגעהויבן צו שפירן שטארקע ווייטאגן, ביז צו די שווערע בשורה וואס דער דאקטער האט אים געזאגט.

א גרויסער צער האט זיך באוויזן אויפ'ן געזיכט פונעם חפץ חיים ווען ער האט זיך צוגעהערט צום ערציילונג, עטליכע מינוט האט ער זיך פארזינקען אין זיינע געדאנקען, און נאכדעם האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און ער האט געזאגט פאר דעם בחור: "יעצט גיי צוריק לערנען, מארגן צופריה זאלסטו פארן צו יענע שטאט - ער האט אים געזאגט די נאמען פון די שטאט - דארט וואוינט א אלטער רב, זאלסט צוגיין צו אים און בעטן א ברכה, און דעמאלטס וועסטו געהאלפן ווערן". "אבער איין זאך נעם איך זיך אויס מיט דיר, א זאך וואס נאר אויב דו וועסט עס איינהאלטן וועסטו ווערן אויסגעהיילט" האט פארגעזעצט דער חפץ חיים, "זאלסט עס נישט פארציילן פאר א מענטש - קיינמאל!"

דער בחור איז ארויס פון צימער מיט האפענונג אויסגעמישט מיט וואונדער, ער האט נישט געטראכט איין מינוט נאכצוטראכטן אויף די ווערטער פון זיין רבי'ן. אויפצומארגנ'ס איז ער געפארן צו יענע שטאט, ער האט געבעטן א ברכה פון יענעם רב, און ווי נאר ער איז ארויס געגאנגען פון די טיר, האט ער שוין אנגעהויבן צו שפירן א פארבעסערונג, וואס ביז געציילטע טעג איז ער אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן.

צוואנציג יאר זענען פארלאפן פון יענעם טאג, דאס קראנקייט איז פון אים שוין לאנג פארגעסן געווארן, ווען ער איז שוין געווען א מאן און א טאטע צו א געבענטשטע פאמיליע.

די סוד האט ער ווייטער אפגעהיטן מיט א שטארקייט... ביז צו יענעם טאג וואס זיין ווייב האט אים פארציילט מיט א שרעק אויף די ביטערע קרענק פון איר שוועסטער. ווען ער האט געהערט וואס איז איר קראנקייט, איז ער געווארן אויפגעציטערט, דאס איז דאך פונקט די זעלבע קראנקייט וואס ער האט געליטן מיט יארן צוריק, און ער האט געהאפט אז דאך וועט ער קענען ווייטער צוהאלטן וואס ער האט צוגעזאגט.

אבער נאך צוויי טעג, אין די מיטאג שעה'ן, האט געקלאפט אויף זיין טיר דער מאן פון די קראנקע, פון א באהאלטענעם פלאץ איז ער געוואר געווארן אז ער האט אויך געליטן פון די קראנקייט, און ער האט געוואלט ווייסן וויאזוי ער האט זיך אויסגעהיילט פון דעם, טראץ די שווארצע קוק פון די דאקטוירים. אין אנהויב האט ער פרובירט זיך ארויס צודרייען מיט פארשידענע אויסרייד, אבער דאס האט אויפגעשטורעמט אויף אים זיין גאנצע פאמיליע. וואספארא אכזריות, האט ער געהערט ארום אים רעדן, 'א פארשטאפטע הארץ' האבן אים געזאגט עטליכע פון די עלטערע פלאמעניקעס. זיין הויז געזונט האבן עס נישט געקענט אויסהאלטן, איבערהויפט אז זיי האבן אויך נישט פארשטאנען פארוואס וויל ער נישט אויסזאגן ווי אזוי ער איז געווארן אויסגעהיילט.

שווערע טעג זענען אריבער אויף אים און זיין גאנצע פאמיליע, ביז ער האט באשלאסן אויסצוזאגן די סוד, אלץ פיקוח נפש, און כבוד הבריות... דעם איז נאר געווען א טייל פון די סיבות פארוואס ער האט באשלאסן אז ער וועט יא אויסזאגן, כאטש וואס ער האט פארשטאנען אז מיטן אויסזאגן לייגט ער אריין זיין לעבן אין א געפאר.

איך בין אויסגעהיילט געווארן אין דעם זכות פון יענעם אלטן רב וואס צו אים בין איך געשיקט געווארן דורך דעם חפץ חיים, האט ער דערציילט מיט א טרוקנקייט פאר זיין פארוואונדערטער שוואגער, וואס האט אינגאנצן נישט געקענט פארשטיין וועגן וואס האט ער נישט געוואלט דאס דערציילן ביז יעצט.

געציילטע טעג זענען אריבער, און פון וואס ער האט געציטערט איז טאקע אנגעקומען. די קרענק איז צוריק צו אים מיט א שטערקערער קראפט, ער האט ווייטער צוגעאיילט זיינע פוס טריט צום שטוב פון זיין רבי'ן מיט יארן צוריק, וואס ער איז שוין יעצט געווען אין די עלטערע יארן. מיט אראפגעלאזטע אויגן האט ער דערציילט וויאזוי ער איז געווען געצווינגען צו דערציילן דעם סוד, און מיט טרערן האט ער געבעטן אז ער זאל אים מוחל זיין און אויסבעטן נאכאמאל א ישועה.

א וואלקן פון ווייטאג האט זיך באוויזן אויפן געזיכט פונעם חפץ חיים ווען ער האט אים אויסגעזאגט מיט א ווייטאג זיין סוד - זאלסט וויסן, אז דרייסיג טעג נאכאנאנד האב איך געפאסט, און איך האב געדאוונט וועגן דיר אין יענע טעג, כדי דו זאלסט זיך קענען אויסהיילן פון דיין קראנקהייט. יעצט ביך אין שוין אלט, איך קען עס שוין נישט טוהן אזוי ווי אמאל, איז ווי אזוי קען איך דיך העלפן...

דא ענדיגט זיך די ערציילונג, פאר אונז בלייבט נאר איבער צו שטיין און זיך וואונדערן פון די וואונדערליכע געשיכטע, ווי אזוי דער חפץ חיים האט געשפירט די ווייטאג פון א צווייטן אויף זיין אייגענע קרפער, אז ער איז געווען גרייט צו מפקיר זיין זיין געזונטהייט ווען ער האט אויסגעבעטן א ישועה פאר זיין אפגעפלאגטן תלמיד.

ואהבת לרעך כמוך - זה כלל גדול בתורה.

(תפילת מרדכי פרק י)




טייערער איד ! ווען דו הערסט א ברכה, שטעל זיך אפ, הער און ענטפער אמן מיט כוונה

טייערער איד ! ווען דו זאגסט די ברכות השחר, זארג אז עמיצער זאל ענטפערן אמן אויף דיינע ברכות

shay עיצובים